NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13251

# DI KISHEFMAKHERN

Boris Smolar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

# די כישופמאכערין

# די כישופמאכערן

## אן איינאקטער פאר קליינע קינדער

פון

## ב. סמאליאר

... ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

:: פארלאג ::
„קינדערוועלט“
ווארשע - ניו-יארק

1922

# די אנטיילנעמער:

נחום ⎫ קינדער פֿון רייכע עלטערן.
דינה ⎭

לאה — אַן אָרימע אַלטיטשקע.

פֿריידע — די קינדערס דערציערן.

(די סצענע שטעלט פֿאָר אַן אַרייַנגאַנג אין אַ וואַלד אַריין).



# ערשטער אויפטריט.

(נחום און דינה.)

**דינה:** גיי נישט, נחום׳ל, אין וואַלד. פריידע האָט דאָך אונדז אָנגעזאָגט אַהין נישט צו גיין. מיר קאָנען נאָך פאַרבלאָנדזשעט ווערן. כישופמאַכערנס קאָנען אונדז דאָרט נאָך אויסכאַפּן.

**נחום:** איז דען דאָס אמת, אַז בײַ אונדז אין וואַלד זײַנען פֿאַראַן כישופמאַכערנס?

**דינה:** געוויס איז דאָס אמת. כ׳האָב אפילו געהערט ווען זיי פֿיל מעשהלאַך דערציילן.

**נחום:** (מיט אינטערעס) וואָס פֿאַר אַ מעשהלאַך האָסטו געהערט? דערצייל!

**דינה:** כ׳האָב געהערט דערציילן, אַז די כישופמאַכערנס זײַנען אַלע אַלטע, הינקענדיקע, מיט אַ סך קנייטשן אויפן פּנים. די מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז ווען די כישופמאַכערנס שענקען ניס צו קליינע קינדער, קאָן מען אין יעדען נוס געפינען אַ גאָלדן היטעלע, אָדער גאָלדענע שיכעלאַך. אַזעלכע מתנות שענקען אָבער די כישופמאַכערנס נאָר דעמאָלט, ווען זיי זענען גוט; זענען זיי אָבער שלעכט האָבן זיי אַזוי פֿיינט קליינע קינדער, אַז זיי קאָנען זיי אָפּטאָן די ערגסטע זאַכן.

**נחום:** וואָס פֿאַר אַ זאַכן, אַשטייגער?...

דינה: אָט, צום ביישפּיל, ווען אַ כּישופמאַכערין איז אין כּעס, קאָן זי פון דיר מאַכן אַ פֿייגעלע.

נחום: טאַקע אַן אמת פֿייגעלע?... וואָס קאָן טאַקע פֿליען?...

דינה: אודאי! אַן אמת פֿייגעלע! דו קאָנסט שוין דעמאָלט נישט קומען צוריק אַהיים, קאָנסט זיך נישט אומקערן נישט צום טאַטן, נישט צו דער מאַמען, קאָנסט נישט רעדן; און וואוינען דאַרפסטו דעמאָלט נישט אין קיין שטוב, נאָר אויף אַ בוים, אין אַ נעסטעלע.

נחום: ס'אַרא שלעכטע זיי זיינען, די כּישופמאַכערנס!... אָבער, דינה'לע, קוק זיך נאָר איין! ווער גייט עס דאָרט פון וואַלד אַרויס?...

---



# צווייטער אויפטריט.

(פֿון ווייטנס באַווייזט זיך לאה. אַן איינגעהויקערטע מיט
א שטעקן אין האַנט, אויף די פּלייצעס טראָגט זי א קאָרבעלע.
[illegible])

**דינה:** ס'איז, דוכט זיך מיר, אַ כּישופמאַכערן! זע, נחומל, זאָלסט איר נישט צערייצן. זי קאָן נאָך בייז ווערן און אונדז עפּעס אָפּטאָן.

**נחום:** ווייסטו וואָס, דינה, אפשר וועט זי אונדז געבן ניס? לאָמיר איר פּרובן בעטן.

**דינה:** גוט, נחומל, בעט באַ איר, אָבער געדענק צעבייזער זי נישט. (לאָזן זיך ביידע מקבל־פּנים זײַן לאהן.)

**ביידע צוזאַמען:** אַ גוט מאָרגן אײַך, באָבעניו! (שרעקן זיך און רוקן זיך אָפּ צוריק. לאה גייט פֿאָרויס.)

**לאה:** אַ גוט יאָר אײַך, קינדערלאַך! ס'אַרא שיינינקע, ריינינקע איר זײַנט. וועמענס זײַנט איר?

**ביידע צוזאַמען:** מיר וואוינען דאָ, באָבעניו, נישט ווייט פֿון וואַלד (רוקן זיך אַלץ מיט שרעק צוריק.) און וואוהין גייסטו, באָבעניו?

**לאה:** לאָזט מיר, קינדערלאַך, פריער זיך אָפּרוען, וועל איך אייך באַלד, טייערינקע, דערציילן. אוי! איך בין אַזוי מיד! (זעצט זיך אויף א נידריק־אונטערגעהאקט קלאָץ פון א בוים און זיפצט אָפּ. לייגט אוועק דאָס קערבעלע און דעם שטעקן נעבן זיך אויף דער ערד.) איך גיי פון׳ם מאַרק... געגאַנגען אַהין קויפן אַביסל קאַרטאָפלעס און עטלעכע פונט ברויט... אוי, טייערע קינדערלאַך, בין איך מיד פון דעם וועג!.. נישטאָ קיין כוחות אויף דער עלטער... די אַלטע פיס ווילן לאַנג נישט גיין. (זיפצט) מ׳דאַרף פּרובן דערווייל עפּעס איבערקייען, אפשר וועט צוקומען אַביסל כוח. (נעמט ארויס פון קערבעלע א טרוקן שטיקל ברויט און הייבט דאָס עסן.)

**דינה:** מיינסט טאַקע, באָבעניו, אויף אַן אמת צו עסן אָט די דאַרע שקאָרינקע?

**לאה:** וואָס דען, טייערינקע, זאָל איך טאָן, אַז איך בין אַזוי מיד און הונגעריק, און האָב נישט קיין אַנדער זאַך צום עסן?... אַוודאי, איך זאָל ערגעץ קריגן איצט אַביסל וואַסער צו צעווייקן די דאַרע שקאָרינקע, וואָלט איך מיט מיינע אַלטע שטיקלאַך ציינער געקאָנט זי גרינגער צעקייען.

**דינה:** אָט ברענג איך דיר באַלד, באָבעניו, וואַסער. כ׳האָב דאָ מיט זיך אַ גלעזעלע.

**נחום:** איך וועל בעסער ברענגען! איך האָב אויך אַ גלעזעלע!

**לאה:** ווייסט איר גאָר וואָס, קינדערלאַך? ברענגט ביידע, וועט איר זיך פאַרשטאַרן קריגן, און איך וועל דערווייל אויסטרינקען ביידע גלעזעלאַך מיט וואַסער. איך וויל אַזוי שטאַרק טרינקען!

(די קינדער לויפן צום קוואַל, שעפּן אין גלעזלאַך וואַסער און ברענגען דער אַלטער לאהן)

**לאה:** א שיינעם דאַנק אייך, גוטינקע קינדערלאַך! ס׳אַרא וואוילינקע איר זיינט! (זי הייבט דאָס ברויט אין דעם גלעזל וואַסער, עסט די צעווייקטע שקאָרינקע און פאַרטרינקט מיט וואַסער.)

**נחום:** (שלעפּט דינהן פאַרן אַרבל און רעדט איר אין אין אויער אַריין) איצט איז זי גוט. לאָמיר בײַ איר בעטן ניס.

**דינה:** האָב נאָר צייט אַ ביסל. זאָל זי פריער אָפּעסן.

**נחום:** (שמייכלענדיק צו דינהן) ווייסט, דינהלע, כ׳האָב שאָקאָלאַד אין קעשענע. כ׳וועל איר אויך געבן א שטיקל.

**דינה:** נו גיב, אַז דו ווילסט.

**נחום:** באָבעניו, ווילסט א שטיקל שאָקאָלאַד? (גיט איר שאָקאָלאַד.)

לאה: סאַ גוטינקער דו ביסט! אַ דאַנק דיר, מיין שיינינקער. אין דערהיים האָב איך אַן אייניקל — אויך אַזא קליינער און שיינער ווי דו — וועט ער זיך דאָס דערפרייען, ווען איך וועל אים ברענגען דעם שאָקאָלאַד!... מיט וואָס־זשע, קינדער, זאָל איך אייך אָפּדאַנקען?... אפשר געבן אַייך ניס?... איך האָב אויפ'ן וועג, אין וואַלד, אָנגעריסן אַסך ניס. ווילט איר, קינדער, פרישע ניסעלאַך?...

ביידע: (פריילאַך) גיב, גיב אונדז, באָבעניו! מיר האָבן זייער ליב ניס!

לאה: (זוכט אין קאָרבעלע, נעמט פון דאָרט אַרויס ניס, גיט פריער נחומען, דערנאָך דינהן, די קינדער באַטראַכטן די ניס זייער צופרידן). נו, קינדערלאַך, איצט איז שוין צייט פאַר מיר צו גיין אַהיים. כ'דאַרף נאָך גיין זייער ווייט. אַ גוטן טאָג אייך, טייערינקע! (שטייט אויף, נעמט דעם שטעקן און דאָס קאָרבעלע און לאָזט זיך הינקענדיק ווייטער אין וועג אַריין).

---



# דריטער אויפטריט.

זום: (זיצן די אלטע אין זײן ארבעטסצימער) נו, דינה, איצט לאָמיר די ניס צעקנאַקן.

דינה: ניין, נחומ׳ל, אזוי וועט זיין נישט גוט. פריער וועלן מיר זיך מיט די ניס צעטיילן אויף גלייך, דערנאָך ערשט וועלן מיר זיי צעקנאַקן.

נחום: גוט! לאָמיר זיך צעטיילן!

דינה: נאַ דיר פינף ניס און מיר פינף ניס. אָט האָסטו דיינע ניס און אָט זענען מיינע. איצט לאָמיר זיי אָנהייבן צו צעקנאַקן.

נחום: (געפינט צוויי שטיינער. ליגט אוועק א ניס אויף איין שטיין און צעקלאפט אים מיטן צווייטן שטיין. דינה קוקט זיך צו מיט גרויס אינטערעס צו זיין ארבעט.)

דינה: נו? וואָס?

נחום: אַ יאָדער.

דינה: (אנטוישט) אַ יאָדער גאָר? נו, נעם צעקנאַק איינעם פון מיינע ניס.

נחום: (צעקלאפט דינה׳ס א ניס) און דיינער איז גאָר אַ פוילער!

דינה: (פארדריסלאך) פוי! סאַראַ שלעכטע כישופמאַכערן! זי האָט אונז גאַר אָפגענאַרט. נאַ, צעקנאַק די רעשט ניס!

נחום: (צעקנאקט) נאָכאַמאָל אַ יאָדער. די אַלטע האָט אונז אָפגענאַרט. אומזיסט־אומנישט האָב איך איר אָוועקגעגעבן מיין שאָקאָלאַד. (צעקנאקט נאך א ניס) ווייטער אַ יאָדער. (צעקנאקט אלע ניס.)

בײדע קינדער: פױ! אַן אַלטע, מאוסע כּישופֿמאַכערן! און מיר האָבן איר נאָך וואַסער געדאַרפֿט ברענגען!.. ס'אַרא אַלטע ליגנערן.

---



# פערטער אויפטריט.

[illegible]

**פריידע:** קינדער! קינדער! וואו זיינט איר? נחומ'ל! דינה'לע! אאו!...

**קינדער:** [illegible] איר ווייסט, פריידע, ווער ס'איז דאָ געווען? דאָ איז נאָר־וואָס געווען אַ כּישופמאַכערן זי האָט אונדז אָבער אָפּגענאַרט: זי האָט אונדז געשענקט ניס, זענען אין זיי אָבער געווען נישט מ'ער ווי יאָדערן.

**פריידע:** וואָס הייסט נישט מער ווי יאָדערן? וואָס נאָך, אויסער יאָדערן, ווילט איר געפינען אין ניס?

**דינה:** וואָס, איר ווייסט גאָרנישט? ווען אַ כּישופמאַכערן שענקט ניס דאַרף אין יעדען ניסעלע זיין אַ גאָלדן היטעלע, אָדער אַנדערע שיינע זאַכן. און אונדזערע ניס זענען דאָך אונדז געשענקט געוואָרן פון אַ כּישופמאַכערן, פונדעסטוועגן זענען אין זיי געווען בלויז פּראָסטע יאָדערן.

**פריידע:** [illegible] אַ כּישופמאַכערן? אַוועלכע כּישופמאַכערן?

**נחום:** טאַקע אַן אמתע כּישופמאַכערן. זי איז געווען אַזוי ווי אַלע כּישופמאַכערינס דאַר און איינגעהויקערט, און האָט אונטערגעהונקען אויף אַ פוס, איז געגאַנגען מיט אַ לאַנגן שטעקן, און האָט געטראָגן אַ קערבעלע אויף די פּלייצעס.

פֿריידע: (שפּילנדיק) אַזוי גאָר? איצט ווייס איך שוין ווער אייער כּישופֿמאַכערן איז
דאָס איז דאָך די אַלטע לאה, וועלכער איך האָב דאָ אויפֿן וועג באַגעגנט.
זי איז נישט קיין כּישופֿמאַכערן, קינדער. זי איז גאָר אַ גוטע אַלטינקע פֿרוי.
איך קען זי שוין פֿון גאַנץ לאַנג.

נחום: איר קענט זי? (אַנטוישט) איז זי, הייסט דאָס, נישט קיין כּישופֿמאַכערן?

פֿריידע: ניין, קינדערלאך. קיין כּישופֿמאַכערנס זענען גאָר איף דער וועלט נישטאָ.
נארישע מענטשן האָבן זיי בלויז אויסגעטראַכט, כּדי אָנצושרעקן קליינע
קינדער, וועלכע פֿאָלגן נישט, וואָס מען הייסט זיי. אפֿילו די מעשהלאַך וועגן
כּישופֿמאכערנס זענען אויסגעטראַכטע, איר דאַרפֿט אין זיי נישט גלויבן...
נו, און איצט קומט בעסער עסן מיטאָג. די מאַמע וואַרט שוין אויף אייך
מיט'ן עסן פֿון גאַנץ לאַנג.

אַלע אָפּ.

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט.)